בעזהשי"ת

# דורותינו

א פלאטפארמע פאר אייך - איבער אייערע דורות

גליון כ"ט
עש"ק
פ' אמור
תשפ"ד
לפ"ק

נא שלא לקרותו
בשעת התפלה
וקריאת התורה

הפצה נתנדב ע"י:
לע"נ הרה"ק ר' הלל ב"ר ברוך בענדיט
מ'קאלאמייא זצ"ל
יודה"ל י' אייר-שב"ק - נתנדב ע"י נכדיו
הר"ר שמעון גאלדבערגער שליט"א
הרוצה בעילום שמו - לרגל אירוסי בתו
הרה"ח ר' חיים הערש פריעדמאן הי"ו
הר"ר יואל אינדיג שליט"א
לרגל הולדות בנו
הר"ר אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש הי"ו
לרגל הולדות בתו
הר"ר יואל אהרן שפיטצער הי"ו
לרגל הולדות בנו
הר"ר חיים סענדר היימליך הי"ו
לרגל אירוסי בתו
לע"נ הרה"ח ר' יחזקאל מנחם
ב"ר שלמה צבי שטייבער ע"ה
הר"ר מנחם יודא וואלנער הי"ו
לרגל הולדות בנו
תשוח"ח להם, יהי"ר שיזכו לראות רוב נחת מכל יוצ"ח
ולהתברך בכל מילי דמיטב.

נעץ חרב בבית המדרש!

# ניו יארקער עלטערן איפגעשוידערט ווען עס ווערט צום ערשטן מאל אין די אמעריקאנער היסטאריע געגומען רעגירונג 'סייענס טעסטס' אין היימישע מוסדות

## אין פילע מוסדות ווערן געגעבן די שעדליכע רעגירונג סייענס טעסטס פון גרעיד – 5, אין די צייט וואס אנדערע גיבן גאר אפילו די געמיינע טעסטס פון 'גרעיד 8' רח"ל

### עז כנמר: קינדער און מחנכים שטעלן העפטיגן ווידערשטאנד!

## להזהיר גדולים על הקטנים: ווי געשריי פון גדולי רבנים שליט"א נאכן פעטוועי שערורי' צו ארויסנעמען די קינדער פון די מוסדות וועלכע זענען ליידער געפאלן אינעם רוחניות'דיגן קריג, ווערט ליידער מער און מער אקטועל!

עלטערן און מחנכים פון איבער גרעיטער ניו יארק זענען די וואך דערציטערט געווארן, ווען מען האט צום ערשטן מאל אין די אמעריקאנער היסטאריע געגעבן געמיינע סייענס טעסטס, בלויז ווייל מען האט זיך אונטערגעגעבן פרייוויליג צו די רעגירונג, ווען מען האט געקליבן פעטוועי 6.

ווי שוין באריכטעט טוט דאס נאכפאלגן א קייט פון אנדערע טעסטס ווי ELA און מאטעמאטיקס וואס מען האט שוין געגעבן די לעצטע פאר וואכן.

יענע צוויי טעסטס זענען שוין אויך געמאכט געווארן אנדערש ווי די טעסטס וואס מאנכע האבן זיך מורה היתר געווען צו געבן די לעצטערע יארן - בלויז יוצא צו זיין פאר די געלטער, און אין די מערהייט פון די מוסדות זעלבסט פלעגט מען דאס נישט געבן פאר די אינגלעך.

אבער היי יאר צוליב די שטרענגערע רעגירונג מאסנאמען וואס מען האט זיך אונטערגענומען דורך די פעטוועי 6, איז דאס געגעבן געווארן דירעקט פאר די הייליגע קינדערלעך, אינגלעך און מיידלעך, אויף א גאר שטארקן און מאסשטאבליכן פארנעם, ווען די קינדער האבן געדארפט ליינען די שילדערונגן אין וועלכע עס געפינען זיך גאר אסאך כפירה ותועבה רח"ל.

### אמור תשפ"ד: נפל דבר בישראל!

אבער אויב די אלע ביז איצטיגע טעסטס איז נאכנישט גענוג געווען, איז די וואך פרשת אמור דאס מעסטל איבערגערינען, ווען מען האט צום ערשטן מאל איבערגעגעבן אין די »

### שאקירענדע פעדעראלע קאורט אורטייל גייענדיג צום דרוק:

# 'קאורט אף אפיעלס' אורטיילט: צווינגען רעליגיעזע קינדער זאלן מוזן פארבלייבן אין קלאס בשעת לערנען לימודי תועבה טוט 'נישט' פארלעצן זייערע רעליגיעזע פרייהייט!!

גייענדיג צום דרוק קומט אריין די שווערע שאקירנדע נייעס, אז די פערטע סירקוט קאורט אף אפיעלס, האט באשטעטיגט אז א לאקאלע סקול באורד האט געהאט רעכט, נישט צו ערלויבן רעליגיעזע עלטערן ארויסצונעמען זייערע קינדער בשעת ווען די סקול לערנט מיט די קינדער די אלע געמיינע און פארדארבענע תועבה ביכער וועלכע לערנט אויס אלע השחתה זימה ותועבה פונעם דור המבול און סדום צוזאמען.

די ריכטער האבן געשריבן אין זייער אורטייל, אז כאטש אז די קינדער וועלן ווערן געצווינגען צו ליינען זאכן וואס איז קעגן זייער אמונה, דאך איז נישטא קיין 'עווידענס', אז די סקול באורד גייט מיט די ביכער למעשה 'טוישן' די אמונה אדער די התנהגות פון די רעליגיעזע קינדער.

די ריכטער שרייבן ווייטער אז זיי פארשטייען אז עס איז אפשר מעגליך אז די אינהאלט פון די געמיינע ביכער קען צומישן די קינדער, און עפענען זייערע קעפ צו אלע דרכי השחתה ותועבה, און אריינפלאנצן אין זיי זאכן וואס איז קעגן זייערע אמונה, אבער עס איז נישט קלאר 'איבערצייגט' געווארן פאר די ריכטער אויף 100 פראצענט...!!

די דאזיגע אורטייל ווארפט א פחד און אנגסט אויף שלומי אמוני ישראל ווי נידריג און געמיין זאכן טוען זיך דערקייקלען טאג טעגליך, און נאך מיט א גישפנקא פון א אזויגערופענע געריכט, וויאזוי זאכן טוישן זיך, אז זאכן וואס אפילו יעדע 'נישט-רעליגיעזע' נידריגע גוי, האט אמאל פארשטאנען און נישט צוגעלאזט אז מען זאל דאס לערנען בשום פנים ואופן, היינט צו טאג מיט דעם שרעקליכע נידריגע געמיינע ליבעראלע באוועגונג, ווען אפילו אזויגערופענע געשעצטע 'פעדעראלע' ריכטער שוין אויך קענען פארשטיין, אז באצווינגען 'רעליגיעזע קינדער' אז זיי זאלן מוזן לערנען די אלע זימה ותועבה, איז שוין אפילו נישט קיין פארלעצונג פון ערשטן אמענדמענט, וועלכע ברויך צו פארזיכערן רעליגיעזע פרייהייט פאר די אמעריקאנער בירגער.

און די אלע ביטערע מציאות וועלכע שפילט זיך אפ פאר אונזערע אויגן איז דאס אלעס אבער נישט גענוג פאר די מיטארבייטער פון אגודת ישראל, ווען לעצטענס, זייט זיי האבן אנגעהויבן זיך אפיציעל אונטערצוגעבן פאר דעם גזירת השמד רח"ל, האבן זיי אנגעהויבן זינגען א נייע ניגון, אז דער גאנצער 'שמד פלאן' פון יאפפע"ד איז בס"ה אלעמאל געווען 'זייערע מסורה'...! ווי אויך אז די רעגירונג קען נישט בשו"א צווינגען רעליגיעזע קינדער צו לערנען תועבה רח"ל, בלויז ווייל טח עיניהם מראות צוליב די פארבלענדקייט פון די פילע מיליאנען דאלארן וואס מען באקומט פון די רעגירונג.

מָשְׁחָתָם בָּהֶם מוּם בָּם לֹא יֵרָצוּ לָכֶם ■


Fourth Circuit denies parents' opt-out request for -inclusive books in Maryland elementary schools

*The majority found simply including inclusive books in curriculum doesn't burden religious freedoms.*

JOE DODSON / May 15, 2024

» הענט פון די תלמידים טריפה'נע סייענס טעסטס!

די דאזיגע סייענס טעסטס וואס די רעגירונג פארלאנגט צו געבן איז דערווייל בעיקר אין די 5'טע און 8'טע קלאסן (די קלאסן לויפן לויט די מיידל שולעס, ביי די אינגלעך איז עס אביסל אנדערש), און א גרויס חלק פון די ענינים זענען גאר געמיין און גרויליג און אנגעפילט מיט טינוף, און בעיקר ביי די 8'טע קלאס טעסט וואס אנטהאלט אין זיך ממש געפערליכע זאכן וואס א אידיש קינד טאר אין דעם נישט אריינקוקן אפילו איין מינוט!

און ווי אויך זענען די ניו יארק סטעיט סייענס טעסטס געבויעט אויף די טריפה'נע נעקסט דזשענערעשאן סטאנדארטן, וואס צוליב דעם, דארף מען קודם לערנען אלע סייענס סאבזשעקטס וואס ווערן פארלאנגט אין די סטאנדארטן, און די 'סייענס' סטאנדארטן זענען כולל אין זיך לימודי כפירה און זענען פול מיט שמוץ.

דאס עצם אריינגעבן די דאזיגע טעסטס פאר די רעגירונג איז טייטש אז די מוסדות באשטעטיגן אז מען לערנט אלע נייע לימודים אסורים, און צוליב זייער אונטערנעמונג צו ווערן סובסטענשעל אקוויוועלענט דארפן זיי אויפווייזן אז מען פירט דורך די טעסטס, וואס איז א שרעקליכער בגידה בשם ובתורתו, וחילול השם נורא, און א ערשטמאליגע דעקלעראציע אין די היסטאריע פון היימישע בתי חינוך, אז אין אידישע מוסדות לערנט מען די סארט לימודים רח"ל.

דאס יהדות החרדית איז שאקירט און אויפגעציטערט, ווי מען איז אזוי שנעל אנגעקומען צו אזא שרעקליכע התדרדרות צוליב פשרות און פארהאנדלונגן, אין א צייט וואס עס הערשט בכלל נישט קיין געזעץ דאס צו טוען.

## עז כנמר!

אבער דייקא אין דעם פינסטערן מצב שיינט ארויס דער יתרון האור מתוך החושך, ווען עס ווערט ערוועקט דער אידישער פונק, און אידן אומעטום זענען וואך צו די לעצטערע געשעהנישן, טאטעס פרעגן אויס די קינדער איבער די טעסטס וואס מען האט זיי געגעבן.

איבערהויפט קוועלט דאס הארץ פון דעם הייליגן ברען פון די טייערע קינדערלעך, ווען - צוליב די לעצטערע אויפוואכונג ב"ה - האבן די צאן קדשים אין מערערע מוסדות אליין ארויסגעגעבן זייער קול מחאה אויף דעם וואס מען פיטערט זיי די אלע פארדארבענע טעסטס.

אין איין ת"ת אין וויליאמסבורג ווען דער טיטשער האט ליידער אליין געדארפט אנזאגן פאר די אינגלעך בשעת'ן געבן די טעסט, אז דער טעסט איז אינגאנצן פול מיט נישט שיינע זאכן, האט איינער פון די אינגלעך ארויסגעשריגן 'דאס זענען טמא'נע טעסטס איך וויל עס נישט מאכן! ולחרפתינו האט אים דער טיטשער גלייך ארויסגעשיקט פון קלאס, און גע'קנס'ט צו שטיין אינדרויסן.

למעשה האט דער מנהל זעלבסט אנערקענט דעם געפערליכן פראבלעם, און געזאגט פאר די תלמיד-נאכן ארייגבליקן אינעם טעסט - אז ער פארשטייט זיין פאראיבל, [ווי פארשטענדליך איז דאס די מערסטע וואס דער מנהל רוחני האט געקענט טון, נאכדעם וואס די אדמיניסטראטארן האבן מיניפאלירט אז דאס איז דער איינציגסטער מהלך, אוי לדור ששפטו את שופטיו].

אין אן אנדערע בית חינוך אין ק"י האט איינע פון מיידלעך געזאגט פאר די לערערין אז זי וויל נישט מאכן די טעסט, (אפילו לעגאל, האט א קינד די רעכט צו זאגן אז זי וויל נישט מאכן די טעסט), און די לערערין האט פראבירט מיט אלע כוחות איר צו באוועגן צו מאכן די טעסט, און אפילו פרובירט צו אנרייצן אז אלע קינדער וועלן באקומען באלד אן אייסעס און זי וועט נישט קענען באקומען, אבער דאס מיידל האט מיט שטארקייט אפגעזאגט און קלארגעשטעלט אז זי וויל נישט נעמען די טעסט, בלית ברירה ווען די לערערין האט געזעהן אז זי קען גארנישט טוהן מיט איר..., האט זי איר ארויסגעשטעלט פון קלאס ביזן ענדיגן די טעסט.

עס דערציילט א לערערין פון א בית חינוך אין בארא פארק וואס האט אריינגערופן אין אפיס פון מערכת דורותינו, און איבערגעגעבן ערשטהאנטיג מיט ביטערע טרערן, אז א טייל פון איר ארבעט אלס לערערין איז יערליך טרענירן די מיידלעך פון די אכטע קלאס וויאזוי צו ענטפערן געוויסע טעסטס - וואס די מוסד האט זיך מורה היתר געווען די לעצטע עטליכע יאר צו מאכן צוליב געלט אינקאם -, היי יאר האט זי זיך אליין איבערצייגט אז דער דאזיגער טעסט פאר די אכטע גרעיד פון דאס יאר איז אזוי טריפה (די טיטשער גיבט אן, אז קיין איין יאר האט דאס נאך נישט אזוי אויסגעזען, נאך וואס מען פלעגט כאטש קענען עפעס 'סענסערן' אינעם טעסט, דאגעגן היי-יאר וואס יעדע איינציגע שאלה אנטהאלט אפיקורסות אדער תועבה רח"ל), אז מען קען דאס נישט געבן פאר די תלמידות, און זי איז געווארן אזוי אויפגעטרייסלט אז זי האט צוריסן דעם טעסט! און געלאזט וויסן פאר די פרינציפעל אז זי גייט בשום אופן נישט לערנען מיט די קינדער די פארסמ'טע סייענס טעסט, צוליב דעם וואס עס איז אנגעפיקעוועט מיט זימה שמוץ און תועבה אויפן ערגסטן סארט!.

פון אומעטום הערט זיך ווייטאגליכע געשרייען דורך די פילע עלטערן, וועלכע בלוטיגן אויף די ירידה הנוראה, און פרעגן מיט פיין און צער, צו דען פאר דעם שיקן מיר די טייערע קינדערלעך אין די בתי חינוך, מען זאל זיי געבן מאטעריאל מיט כפירה ותועבה רח"ל?!

מִי יָלַד לִי אֶת אֵלֶּה וַאֲנִי שְׁכוּלָה וְגַלְמוּדָה גֹּלָה וְסוּרָה וְאֵלֶּה מִי גִדֵּל הֵן ■

## מודעה!

**אויף די פולע אנפראגע פון מערערע עלטערן, וואס ווילן וויסן מער פונקטליכע דעטאלירטע אינפארמאציע אויף א ספעציפישע מוסד'ס סטאטוס אין די אנגייענדע טעסטס, טוען מיר אצינד מעלדן אז עלטערן קענען זיך פארבינדן מיט די מערכת, דורך שיקן א אימעיל פאר דורותינו מיט א קלארע אינהאלט, אויף דעם פאלגענדן נייע אימעיל אדרעס:**

**PARENTS INFO@DOROISEINY.COM**

**די מערכת וועט פרובירן ארויסצוהעלפן מיטן צושטעלן בעז"ה וואס איז מעגליך, אין די ערשטע געלעגנהייט, ובשם השם נעשה ונצליח.**

## הויפט פון אגודת ישראל איז אויך מודה אין א אינטערוויא אז די 'סייענס' וואס ווערט פארלאנגט איז א שטיק מיט מינות כפירה רח"ל!

אין א אינטערוויא אויף 'קול מבשר' חוה"מ סוכות תשפ"ג זאגט מר. חיים דוד צוויבל מראשי אגודת ישראל די פאלגענדע ווערטער:

***און די וועלכע זאלן מאכן די דעסישאן וועגן דעם, זאלן נישט זיין די רעגירונג, נאר עס דארף זיין די ראשי ישיבות די רבנים די אדמורים וואס מאכן א פאליסי וויפיל לימודי חול מקען לערנען וואס מדארף לערנען וואס מען דארף אפשר נישט לערנען און וואס מען טאר נישט לערנען.***

***עס איז דא פארשידענע זאכן, עס רופט זיך סייענס, מ'וויל אויסלערנען סייענס, און מען זאגט פאר די קינדער מען גייט יעצט לערנען וועגן נפלאות הבורא***

***קומט אריין א רעגירונגס מענטש און זאגט נפלאות הבורא?! ווער רעדט פון א בורא?! אויב רעדט מען פון א בורא הייסט דאס שוין מער נישט סייענס (רח"ל)!! און דאס וואס איר לערנט אויס די קינדער איז נישט אויסגעהאלטענע סייענס!!***

***איז ממילא אזעלכע סארטן זאכן אויב מען האט נישט די זעלבסשטענדיקייט צו אוועקשטעלן וואס מען לערנט און פון וועמען מען לערנט איז ממילא די גאנצע זאך איז זייער שווער פאר אונזערע מוסדות התורה.***

עלובה עיסה שנחתומה מעיד עלי'

(די רעקארדירונג איז בייגעלייגט די וואך מיטן דורותינו בליץ פאסט)

## הויפט פון רעפארמער ציונ'יסטישע ארגאניזאציע 'זשואיש עדיוקעישאן פראזשעקט' פארשטייט אויך אז 'סייענס אסעסמענטס טעסט' פון די אכטע קלאס זענען אנגעפיקעוועט מיט מינות כפירה ותועבה רח"ל!

עס איז אקטועל אנצוצייגן א גאר ווייטאגליכע אנקעדאט איבער די שעדליכקייט פון 8'טע קלאס סייענס טעסט, בבחינת מלאך רע בעל כרחך יענה אמן.

ווי שוין באריכטעט (זעה דערוועגן אין דורותינו פר' וישלח איז פארגאנגענעם דינסטאג פר' וישלח אין די תקופה ווען די מוסדות האבן געדארפט אויסוועלן א פעטוועי' האט אגודת ישראל ישיבה סערוויסעס אינאיינעם מיט דזשואיש עדיוקעשאן פראדזשעקט פאררופן אעלעקטראנישן זאא"ם קאנפערענס צו שטופן די מוסדות התורה זאלן אויסוועלן א פעטוועי'.

ביי דעם זאא"ם מיטינג האט אויך אויפגעטראטן די פרוי 'זעליגסאן' א רעפארמערקע, די הויפט פירער פון די טרויעריג באקאנטע 'זשואיש עדיוקעישאן פראזשעקט', וועלכע איז די עדיוקעישאן פליגעל פון די ציוניסטישע UJA פעדערעשאן, און זי האט אויסגעשמועסט פאר די אדמיניסטראטארן פארשידענע פרטים איבער די פעטוועי' אויסוואלן וואס די רעגירונג האט ארויסגעשטעלט פאר די מוסדות אויסצוקלויבן.

דארט האט זי געמוזט מודה זיין פאר די אלע איבער 100 אדמיניסטראטארן וועלכע האבן זיך דארט באטייליגט, איבער די שעדליכקייט פון שרעקליכע סייענס אסעסמענט טעסט פון די אכטע קלאס, זיך אויסדריקנדיג אז זי האט צוריקגעהערט פון א געוואלד מוסדות וועלכע האבן א פראבלעם מיטן געבן דעם 8'טן גרעיד סייענס טעסט פאר זייערע סטודענטן, זי האט בלויז פרובירט צו בארוהיגן די געמיטער פון די פארזאמלטע אדמינסיטראטארן מיטן צוזאג אז די זשואיש עדיוקעישן פראזשעקט וועט 'פראבירן' זעהן וואס זיי קענען טוען...! (אגב, האט זי דארט געזאגט אז עס איז כמעט אוממעגליך א מוסד זאל מאכן אייגענע טעסטס וואס די רעגירונג זאל עפראווען).

קאמענטארן זענען איבריג...! די מציאות פראסקעט אין פנים, ווען ליידער האבן קינדער פון די ספעציפישע מוסדות געמוזט מאכן די וואך דעם שרעקליכן טעסט, אויב אפילו די רעפארמער'קע האט פארשטאנען אז דאס איז שוין אריבער אלע גרעניצן, אנן מה נענה אבתריה.

אפילו כגרועים שבהם לא הייתם ■

**כינוס לרשעים רע להן ורע לעולם!**

# רשעי ישראל פון יאפפע"ד פלאנירן א גרויסע העצע קאנפערענץ אויף ווייטערדיגע פלענער ה"י.

יאפפעד האט געמאלדן אז זיי פארופן א זיצונג אין די קומענדיגע טעג, ווי מען וועט דיסקוסירן די 'פראבלעמען' פון היימישע מוסדות, און זיך גרופירן אויף ווייטערדיגע 'תיקונים' אין די בתי חינוך און די ישיבות הקדושות ה"י.

דאס קומט פאר דעם קומענדיגן מיטוואך פרשת בחוקותי, מאי 29 למספרם אין נייעק ניו-יארק.

אויב איינער האט זיך איינגערעדט אז ווי מער די אגודת ישראל מוסדות פראבירן זיך אדורך צו קומען מיט די רעגירונג און צו געפעלן די אלע מרשיעי ברית פון יאפפע"ד וועט דאס זיי עטוואס בארואיגן, האט געהאט א פארדריסליכן טעות, ווי די וועלט זאגט 'אויב מען גיבט אים א פינגער בעט ער א האנט', די רשעים ווערן אלס מער אגרעסיוו צו פראגרעסירן מיט זייערע שמד פלענער שלא יזכר שם ישראל עוד רח"ל היל"ת.

די שקצים מעלדן אויף זייער פלאטפארמע, אז דער אווענט איז געצילט צו פארזיכערן 'זייערע רעכטן' איבער די הייליגע מוסדות הקדושים אין ניו יארק היל"ת.

דארט וועט מען זיך 'פאראייניגן' ווען יעדער נושר וועט קענען פארציילן זיינע פערזענליכע איבערלעבענישן אין די מוסדות הקדושים...

כלל ישראל איז מתפלל יופר עצת וקלקל מחשבותם, שלא יניח שבט הרשע על גורל הצדיקים, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.




# געריכט אורטייל ערווארטעט בקרוב איבער די אפיעל אנקלאגע פון די סטעיט קעגן 'ריבא' אורטייל

אין די קומענדיגע טעג איז ערווארטעט אז די געריכט זאל ארויסגעבן זייער ענדגילטיגער אורטייל איבער דעם אפיעל אנקלאגע וואס די סטעיט עדיוקעישאן דעפט. האט איינגעגעבן אין געריכט אנטקעגן דעם פסק פון ריכטער 'ריבא', מיטן מאטיוו צו קלארשטעלן אז זיי זענען בארעכטיגט אפצוהאקן די פאנדינג פאר די ישיבות וואס וועלן נישט 'פולקאם' אנעמען דעם שרעקליכן גזירת החינוך פון יאפפע"ד, אז צו לערנען מיט די הייליגע תינוקות של בית רבן די אלע פארלאנגטע פאבליק סקול לימודים רח"ל.

עס איז ערווארטעט אז די געריכט זאל ארויסקלארן אויב די תלמידים מוזן באקומען דעם פאבליק סקול ערציאונג בלויז אין מוסד, אדער די עלטערן זענען בארעכטיגט צו צוטיילן די לימודים אויך אויף אנדערע פלעצער א שטייגער ווי אינדערהיים.

ווי שוין באריכטעט אין דורותינו האבן די אגודת ישראל מיט זייערע מיטארבייטער קיינמאל נישט פראבירט צו קראס-אפיעלן דעם הארבן אורטייל וואס דשאדזש ריבא האט אי באשטעטיגט, אז יעדעס קינד מוז לערנען דאס וואס מען מוז לערנען אין די פאבליק שולעס, און דאס איז איצט אפילו בכלל נישט ממין הטענה מצד די אגודת ישראל ליידער.

די איינציגסטע זאך וואס די אגודת ישראל מיט זייערע מיטארבייטער שלאגן זיך אצינד איז, אויף די פולע מיליאנען דאלארן, אז אפילו אין פאל א מוסד ווערט נישט באשטעטיגט אז זייערע לימודים זענען 'פולקאם' גלייך מיט די פאבליק שולעס, דאך זאלן די מוסדות קענען געניסן פון די פולע מיליאנען דאלארן וועלכע פליסן אריין אין די קאסע פון די מוסדות.

# בושנו מכל עם! הזדעזעי ארץ ושמים!

Rabbi Dr. Ari Berman
@AriBermanYU
Follow

Celebrating our first cohort of graduates from the Skver, Bubov, and Belz communities. Congratulations!!!

אין די טעג ווערט נתפרסם דורך די טריפה'נע ווי יו קאלעדזש, מעסעדזשעס מיט בילדער ווי היימישע 'חסידישע' אינגעלייט מיט שווארצע גלעזער גראדואירן אינעם טריפה'נעם ווי יא קאלעדזש, שומו שמים!

דער פנים פלאקערט פאר בושה, ווען זיי טוען זיך אידענטעפיצירן אלס חסידים און תלמידים פון גאר היימישע מוסדות ה"י.

די שרעקליכע בילדער דארף אויפשטורעמען יעדע אידיש הארץ אין די צייט וואס די רעגירונג וויל מאכן אלע קינדער 'קאלעדזש און קאריער רעדי', און עס קען זיך אמאל דאכטן פאר עמיצן וועלכער זוכט זעלבסט בארואיגונג, אז פון אביסל שינוים וועלן זיינע קינדער קיינמאל אפילו נישט האבן די נסיון צו גיין שטודירן, אז בלויז ווילאנג מיר פארפאנצערן זיך אין אונזערע חומות וועלכע רבותינו האבן אונז אויפגעשטעלט האבן א שמירה אז אונזערע דורות וועלן ווייטער גיין אויף די אויסגעטראטענע וועגן.

זה זרזו יותר שלא תמות כדרך שמת פלוני!

## א בליק אין די מוסדות על טהרת הקודש אין נ.י.

### נייער כולל 'תפארת יואל' על טהרת הקודש אין שטאט בארא פארק; אנגעהויבן דעם זמן מיט גרויס הצלחה ב"ה

אין די דאזיגע טעג ווערט פארטיג די לעצטע פאזעס פון דעם נייעם אין בארא פארק האט זיך צום נייעם זמן געגרינדעט א כולל פאר אברכים החשובים וואס ווילן לערנען תורה מיט א ריינקייט אן קיין התערבות זרים פון פראגראמען און שלעכטע השפעות.

דער ראש הכולל איז דער גאון ובקי נפלא הרה"ג אשר ענזיל גוטמאן שליט"א וואס וועט בעז"ה באגלייטן אלע אינגעלייט זאלן קענען שטייגן און וואקסן על במתי התורה.

דערווייל לערנען די חשובי אינגעלייט אין ביהמ"ד בית ישראל ד'פשעמישל ווי דער ערשטער זמן אין כולל האט זיך אנגעהויבן ב"ה מיט גרויס הצלחה, כן יעזור ה' להלאה!, די קומענדיגע וואך וועט מען זיך בעז"ה אריינציען אינעם נייעם ביהמ"ד 'תפארת יואל' המפואר וואס ווערט נארוואס יעצט פארענדיגט די רענאוואציעס צו קענען ווערן באנייט פאר שבת און א גאנצע וואך.

צו נעמען א חלק אין די החזקת התורה אדער זיך איינצושרייבן אינעם כולל קען מען רופן 845-421-0690

### פרישער כולל אין מאנסי על טהרת הקודש, אין די ראמען פון 'התאחדות אברכים טיב לבב דסאטמאר' שע"י תלמידי וחסידי מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

אין ליכט פון די לעצטערע אויפוואכונג זיך אפצוטרייסלן פון די רעגירונגס געלטער, ווערט ב"ה מער נתרבה די מוסדות התורה וואס עפענען זיך אן קיין שום רעגירונגס שטיצע.

אויך אין מאנסי, ווי עס איז איז ב"ה פארהאן א נעץ פון מוסדות על טהרת הקודש, קומט אצינד אריין די נייעס, אז עס איז צוגעקומען נאך א רינגעלע אינעם קייט, מיט די גרינדונג פון א נייעם כולל על טהרת הקודש.

דער כולל האט זיך צום ערשט געעפענט אצינד אין פארום פון א 'נאכט-כולל' דורך די הנהלה פון התאחדות אברכים 'טיב לבב' דסאטמאר, ווי עס האבן זיך צוזאמגעקליבן גאר חשובע אברכים וועלכע זוכן א ריינע אטמאספערע מיט אמאליגע השקפות, בלויז על טהרת הקודש, און מען האפט דאס צו פארברייטערן בעזהשי"ת אין די נאנטע צוקונפט.

דער כולל איז סטאנציאנירט אין בית המדרש 'תולדות אברהם יצחק' אויף וועסט סטריט, און האט זיך געעפענט מיט א געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא, ווען אויפן פלאץ לערנט אויך הגאון רבי שלמה ראזענבערגער שליט"א ר"מ באר יואל, און האט א גרויסע השפעה אויף די חשובע אינגעלייט.

די וואך מיטוואך איז אפגעהאלטן געווארן די פתיחת הזמן דורך הרב הגאון רבי נפתלי הירצקא האלצער שליט"א מיט פאסיגע דברי התעוררות לקראת הזמן הקיץ הבעל"ט.

חשובע נדיבים בעם וועלכע ווילן שטייען צו הילף מיט באדייטנדע סכומים פאר אזא חשובער מקום, קענען רופן אויף 845-324-0117 והשי"ת יהא בסעדם, להגדיל תורה בטהרה ולהאדירה!

**שלא יאמרו מדשתקי רבנן...**

# מתוך דרשות הרבנים הגאו"צ ביים מעמד זאת התורה

## לחזק המסורה מידי מכחישי' | ער"ח אייר העעל"ט – בעיר קרית יואל

### הגה"צ רבי יהודה ירחמיאל גרובער ראב"ד אורחות משפט שליט"א

...איך וויל צוגיין צו דעם ענין פון נעמען געלט, כאטשיג וואספארא געלט, היינט, צי דאס רופט זיך "לאנטש פראגראם", צי איז עס פעדעראל, צי איז עס סטעיט. אלעס איז אסור, ראה מעשה ונזכר הלכה, נאכדעם וואס מען זעט דעם חומר הנושא זעט מען שוין אז מעיקרא אן וואס אין דעם איז געליגן.

איך וויל דערמאנען א מעשה, עס איז דא פון דעם א טעיפ, עס איז געווען אן אסיפה ביים מונקאטשער רב אין שטוב, די צוויי וואס זענען געווען בראש פון דער אסיפה זענען געווען דער מונקאטשער רב און דער דעמאלטיגער סיגוטער רב, ווייל דעמאלט איז געווען א גרויסע אויספארשונג אויף די מוסדות, בעיקר אויף די בארא פארקער מוסדות, די וויליאמסבורגער מוסדות זענען נאכנישט געווען אזוי בתוך העניינים פון נעמען אלע געלטער פון די פראגראמען, אין בארא פארק איז געווען שטארק נפוץ, און מען האט מורא געהאט, עס האט געדראעט א גרויסע סכנה פון תפיסה.

האט דער מונקאטשער רב געזאגט דעמאלט פאר'ן סיגוטער רב, אז דער סיגוטער רב גייט דאך צום פעטער - עס איז געווען תשל"ב צי אפשר אביסל שפעטער - ער זאל אים פרעגן אן עצה.

האט דער סיגוטער רב זיך אנגערופן, **"מונקאטשער רב, צום פעטער קען מען פון די אלע זאכן נישט רעדן קיין ווארט"**, דאס איז געווען א דבר פשוט, עס איז נישט קיין חילוק געווען וואספארא געלטער, ער האט נישט סובל געווען דאס ענין, איך האב עס שוין דערמאנט אין א דרשה, ער האט ניטאמאל סובל געווען ווען מען האט מזכיר געווען א איד וואס איז געווען אין אן עת צרה פון דעם, וואס יעדער ווייסט ווען עס איז געקומען צו פדיון שבויים האט דער רבי נישט נאכגעלאזט אפילו ווען עס איז געקומען צום ארגסטן איד, אבער ווען עס איז געקומען צו דעם האט מען נישט געקענט ביי אים פועל'ן ער זאל זיך צושטעלן צו דעם און צוהעלפן, אזוי ווייט איז געווען ביי אים דער חומר פון נעמען געלט. כל שכן אז עס איז אלעס געווען מלא שקר, און שקר איז געווען ביי אים פחדים.

### הגה"צ אבד"ק טיב לבב שליט"א

...וואס איז די היתר אז מ'האט זיך צוגעשטעלט אין דעם ענין פון שטודירן פון חכמות חיצוניות צו די ראשי האגודה?! וואס זענען פאר'סמ'ט מיט מינות מיט אלע מיני כפירות, זיי מיט זייערע גדולים צוזאמען, דאס וואס זיי זאגן אז ס'איז דינא דמלכותא, מ'קען זיין על טהרת הקודש, און היינט זינגט מען אזעלכע זמירות ביי אונז אויכעט, מ'קען זיין עטה"ק מ'מעג, מ'טאר נאר נישט ממש אפענע מינות אפענע תועבות, אבער אנדערע זאכן מעג מען, ס'איז עטה"ק...

אמאל האט מען נישט געוואוסט פון דעם, אמאל האט מען זיך געשלאגן מיט די רעגירונג וויפיל מ'האט געקענט. טאקע ביי דעם מס החינוך וואס די רבי איז אויך אונטערגעשריבן אויף דעם בריוו פאר די רעגירונג אז די רעגירונג זאל וויסן אז מיר טארן עס אונז נישט געבן, און די רעגירונג זאל אונז נישט מאכן פאר בירגער וואס פאלגן נישט די געזעץ, אונז זענען מיר געזעץ היטענדע בירגער און טאמער אונז וועל מיר נישט צאלן וועט עטץ מוזן נעמען מיט געוואלד פון אונז, פארוואס זאלט עטץ טוהן אזא זאך, מ'האט געזאגט אז ס'איז קעגן די תורה טאר מיר אונז נישט פאלגן אם למסים וארנונית מלכא את ואם להעבירנו מן הדת את וכלבא שווין, דאס איז געווען די תורה'דיגע וועג מ'האט געהאט די גרעסטע מאס הכנעה פאר די אומות העולם אין גלות, אבער ביז ס'איז געקומען צו אידישקייט.

די רבי טייטש עם לבן גרתי לא נעשיתי שר וחשוב איך בין א גר, אבער ותרי"ג מצוות שמרתי זאלסט נישט מיינען ווען ס'קומט צו תרי"ג מצוות וועל איך אויך מוותר זיין, ניין! דארט וועל איך מיך ארויסשטעלן איך וועל מיך נישט לאזן!

דאס איז געווען די מסורה פון כלל ישראל, היינט הערן מיר נייע מסורות דינא דמלכותא דינא ס'קען זיין על טהרת הקודש, דאס איז די 'מסורה' פון די אגודת ישראל! יא די טריפה'נע אגודה וואס האט צוגעלייגט א האנט ביים אויס'שמד'ן כלל ישראל, זיי האבן געמאכט דעם שמד החינוך אין א"י דורך די געלטער מ'האט אריינגעברענגט מינות און אפיקורסות אין אלע בתי חינוך, און זיי מאכן דאס דאהי אויכעט! און דאס תולה זיין בוקי סרוקי באותו צדיק אויפן הייליגן רבי'ן?!...

# פתגמין קדישין

איבער דעם מצב וואו מיר געפונען זיך

..."יעדער וואס האט נאר אויגן אין קאפ זעט די אמת'דיגקייט פון די הייליגע רייד פון די פריערדיגע צדיקים גאונים און גדולי הדור, וויאזוי זיי האבן פאראויס געזען, אז די לימודים חיצונים, קען זיך בשו"א נישט צוזאמפאסן אין הארץ פון א איד צוזאמען מיט די תורה הקדושה, און ווער עס רירט נאר אן דערצו וועט נישט בלייבן ריין, און נאר איינער וואס איז פארדארבן קען דאס טון.

...וואס טוט מען דען אויף מיט מרבה זיין תורה אויב פון דער צווייטער זייט טוט מען אויסרייסן אירע יסודות. מיטן לערנען לימודי חיצוניות, עס וואלט בעסער געווען אויב זיי זאלן אלעס לאזן פארוויסט, און גארנישט בויען, ווי איידער עס בויען אויף דעם וועג, ווייל וויפיל ער איז מרויח מיטן בויען, מאכט ער פיל מער שאדן, צו פארמערן קלות און אפיקורסות אויף דער וועלט.

און אפי' אויב מען קען עס נישט צוריקהאלטן, איז עכ"פ א חוב זיך אנצונעמען פאר כבוד שמים אז מען זאל עס מפרסם זיין יעדער אויף זיין פלאץ, און אלעס אויסזאגן און מודיע זיין אפענערהייט, אז דאס איז די הלכה ברורה!

הרה"ק רבי הלל קאלאמייער זצ"ל בהסכמתו לספר לב העברי - יומדה"ל חל ביום שב"ק

...אז מ'וויל אז צווישן אידן זאל זיין שמירת התורה והמצוות ברויך מען זיך אומקוקן, טאקע דירעקט פון קינדוויז אויס, ביי קינדער תינוקות של בית רבן, און אויף יעדע הדרכה, און אויף יעדער הנהגה, אז נישט חלילה פאלט מען, מ'ריקט זיך, ווי מ'זעהט בחוש, מ'פאלט אריין.

...אויפהאלטן אידישקייט דארף מען זיך אומקוקן אין דער התחלה, פון קינדוויז אויף, טאקע ביי די וואס גייען בדרך ה', דארטן דארף מען קלאפן די יסודות, ס'זאל זיין אידישקייט, מ'זאל נישט קאנען אריינפאלן, אז ס'הייבט זיך אן צו ריקן, זאגט דאך די גמרא היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך, אז ס'הייבט זיך אן צו ריקן, האט עס נישט קיין גבול, בעוונותינו הרבים.

אזוי ווי מ'זעט די אלע וואס זענען ארויס, טאקע די אוכלי נבילות וטריפות, די האבן אויך געהאט טאטעס ערליכע אידן, און זיי זענען אמאל געווען גוט, נאר ס'האט זיך אפגעריקט, זיי זענען געגאנגען אויף אן אנדערע דרך 'אביסעלע נאר'. אזוי ביז ס'האט זיך געריקט, ביז ס'איז אויסגעקומען צו דעם.

איבער דעם זאגט די גמרא היום אומר לו עשה כך, ער הייבט נישט אן אויפאמאל, דער יצר הרע, ער זאגט 'נאר' א קליינינקייט, אז ער איז שוין מיט דעם פארטיג, דאס איז שוין א היתר, קען ער שוין גיין אביסעלע ווייטער ....טאמער האט מען דורכגעלאזט א טאג און מ'האט אים נאכגעגעבן, דעם אנדערן טאג איז עס שוין שווערער, דארף מען שוין רעדן אויף א שטארקערע בחינה, מ'זאל זיך מתגבר זיין, ווארן ער (יצה"ר) רעדט דאך שוין אויך מיט א שטארקערע בחינה, זה לעומת זה ....מ'זאל האלטן אין איין זאגן, ס'האט נישט קיין שיעור, דאס איז אלו דברים שאין להם שיעור...

רביה"ק מסאטמאר זי"ע אמור תשכ"ז

# לעצטע ריפארט פון סיטי DOE צייגט שווארץ אויף ווייס די אמת'ע חינוך סטאטוס אינערהאלב בתי חינוך

## שיילט זיך ארויס דראסטישער חילוק; פון ערשטן ריפארט פון 7 יאר צוריק שנת תשע"ח, אנטקעגן דעם לעצטן ריפארט אין שנת תשפ"ג!

זינט עס איז אויפגעדעקט געווארן דער שרעקליכער פארראט פון גרויסע אדמיניסטראטארן וואס האבן אריינגעברענגט שרעקליכע שינויים אין די בתי חינוך, איז אנטשטאנען א באוועגונג צו פאבריצירן כסדר'דיגע אויסריידן, נייע מסורות, און איבערמאכן היסטאריע, און בד בבד שרייט מען אז מען האט גארנישט משנה געווען און מען לערנט נאר אלעס גענוי ווי אין די פארגאנגענהייט אאזו"ו.

אצינד ווערט אבער פארעפענטליכט דער סיטי רעפארט אויף די באטרעפענדע מוסדות, וועלכע האבן ליידער קאלאבארירט מיט די רעגירונג, וואו עס ווערט קלאר אראפגעברענגט דעם ריכטיגן טויש אינערהאלב די מוסדות הקדושים רח"ל.

דער ערשטער באריכט איז אויף א באזוך פון די רעגירונגס אינספעקטארן אין די מוסדות בשנת תשע"ח -דריי יאר נאך די אפיציעלע מסירה פון יאפפע"ד, און דארט זעהט מען ווי די רעגירונג ווייסט בלויז צו פארציילן אז מען האט געלערנט דארטן בלויז כתב לשון און חשבון, אן קיין זכר פון סייענס אדער סאשעל סטאדיס!

ליידער דערקעגן ביים צווייטן אינספעקציע אין די זעלבע מוסדות, פאראיאר בשנת תשפ"ג, נאכדעם וואס די רעגירונג האט ליידער באשטעטיגט די ביטערע חינוך שמד גיידליינס, דאן האבן שוין די זעלבע מוסדות פלוצים געוויסט צו צייגן פאר די רעגירונג אז מען לערנט שוין אויך די טריפענע 'סייענס' מיט די אפיקורסישע 'סאשעל סטאדיס', ליידער דאס אלעס קומט פאר לעיני השמש בשעת מען גייעט אן מיטן סלאגאן פון 'בלי שום שינוי'...

שלומי אמוני ישראל קוקן זיך צו מיט גרויס ווייטאג, ווען דער היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך, זעהט ליידער נישט קיין ענדע, און ווער ווייסט ווי ווייט מען וועט נאך זיך דערקייקלען היל"ת. ירא הקהל וישפוט ■

June 30, 2023

BY ELECTRONIC MAIL
Commissioner Betty Rosa
New York State Commissioner of Education
New York State Education Department
89 Washington Avenue
Albany, New York 12234
Email: Commissioner@nysed.gov

Re: Yeshiva Torah V'Yirah – Recommendation Relating to Substantial Equivalency

Dear Commissioner Rosa,

Yeshiva Torah V'Yirah, located at 110 Throop Avenue, in Brooklyn, New York (BEDS Code No. 331400226342) is one of the yeshivas on that list. This yeshiva serves students in grades 1 through 7. The DOE conducted an inquiry into the secular instruction provided at this school, which involved a review of the allegations in the Complaint, meetings with school leaders, meetings with complainants, two school visits that took place on November 8, 2017, and February 14, 2023, a review of evidence submitted by the school in response to requests for

(a) The 2017 School Visit to Yeshiva Torah V'Yirah

A team from the DOE conducted a site visit to Yeshiva Torah V'Yirah on November 8, 2017. The team met with school leaders to obtain information about the school and then engaged in a building walk-through and observed classroom instruction.

During the meeting with school leaders in 2017, the DOE team was informed of the following:

- One administrator stated that the main goal in secular instruction is for students to speak, read, and write English. The administrator stated that students are ELLs and that ELA instruction focuses on:

During the 2017 school walk-through, which included classroom visits, the DOE team saw:

- A first-grade Judaic Studies class, taught in Yiddish, in which the teacher used the biblical story of Jacob crossing the Jordan to illustrate the themes that one should never become arrogant from God's kindness and should never be deterred by temporary setbacks. The teacher explained that, after Jacob successfully crossed the Jordan with his family and acquired great wealth, he turned to God and said, "I am humbled by all the kindness." The teacher asked students to interpret the meaning of the story.
- A first-grade ELA class in which the teacher conducted a phonics lesson on short and long "a" sounds using *Palmtree Reading Program* (Palmtree Publishing). The teacher wrote: "can...can...can.../man...man...man" on the whiteboard and asked students to write words on lined paper, instructing them to "take their time writing and write nice." The curriculum leader emphasized the teaching of directionality as a means of introducing English writing from right to left. Students were also asked to write their name and date on the top of the sheet.
- A second-grade ELA class focusing on plurals. The teacher wrote "bell...well...tell...fell" on the whiteboard. The teacher walked around the room to check students' work as they changed the words written on the board from singular to plural. He stated that one can change a word from singular to plural by adding "s" or "es." He added that the students would learn about "es" at another time.
- A third-grade Judaic Studies class, taught in Yiddish, in which the teacher demonstrated four parts of a palm tree by having students touch and examine a palm frond. The lesson was derived from the Torah study of the four plants mentioned in Leviticus 23:40 as being relevant to the holiday of Sukkot.
- A third-grade mathematics class, taught in English, on place value. The teacher reviewed the previous day's lesson about writing numbers in standard form (*i.e.*, 3,333). The teacher then posed the question, "How would you write this number on a check: Three thousand three hundred thirty-three?" The teacher directed students to open their textbooks (Sadlier) and keep their notebooks out. The teacher then asked, "How much is 100 using place value tile blocks?" The teacher demonstrated using the tile blocks and stated, "See what 100 looks like," "what 1,000 looks like," and so on.

- A fourth-grade ELA lesson, taught in English and Yiddish, using the book *People and Places* by (Palmtree Publishing). The teacher introduced the "Words of the Day": together, stopped, little, teeth, another. The teacher asked students to use the words in a sentence. A student responded: "We need to brush our teeth every day."

(b) The 2023 School Visit to Yeshiva Torah V'Yirah

After the issuance of Commissioner's Regulation Part 130, DOE administrators in the Office of Nonpublic Schools ("ONPS") requested a second school visit to observe instruction in required content areas that were not demonstrated during the first school visit and to see implementation of curriculum. On February 14, 2023, a team from the DOE conducted a follow-up visit to Yeshiva Torah V'Yirah.

During the 2023 school walk-through, which included classroom visits, the DOE team saw:

- A third-grade ELA class, taught in English: The teacher conducted a word search for names of fruits. Students printed the names of fruits in English underneath an illustration of that fruit. Students were learning how to spell the names of various fruits, but they did not speak during the lesson and the teacher did not check to see if students were understanding or completing the activity.
- A sixth-grade ELA class, taught in English: The teacher led the students in reading a chapter about banking in *The Amazing Book of Insights*. The lesson focused on the function and work of banks and economics, including the Federal Reserve Bank.
- First-grade math class, taught in English, focusing on addition and subtraction for numbers up to 10. None of the students participated in the lesson, so the DOE could not determine whether and to what extent they understood the math concepts.
- A sixth-grade math class, taught in English, on multiplying mixed-numeral fractions and finding the lowest common factor. Students responded to questions in unison as a group, and the teacher did not call on students who raised their hands. It was difficult to determine the degree to which individual students understood the concepts.
- A second-grade science class, taught in English, on how frogs grow, using photocopied pages from the *A-to-Z Science Reading Series* workbook. The lesson illustrated the life cycle of a frog as it develops. Students were engaged in the lesson, responding to questions and writing responses in their workbooks.
- A third-grade science class, taught in English, on the sun and moon. The teacher referred to photocopied pages from a Palm Tree Publishing book. The class was primarily in lecture format. When students replied to questions, they did so with one-word responses.
- A sixth-grade science class, taught in English, on the water cycle, using a photocopied packet. The teacher read to the class from the packet but did not check for understanding or engage students during the lesson.
- A second-grade social studies class, taught in English. The DOE team was told it was a geography lesson. The teacher discussed how to read information on maps, using a globe and a map to identify streets, street names, and geographic features (such as oceans and cardinal directions). The teacher asked questions, including "What is in the east? What is the holiest land in the world?" Students did not respond, and the teacher answered,

"Israel." The school's education consultant told the teacher to tell students to write "map" in the W column of their KW (know-want-to-know) chart. All students did so.

- A fourth-grade social studies class, taught in English. The teacher conducted a lesson on economics, reading to the students a text called *The World of Money*. The teacher did not appear to know the students' names during the lesson. The teacher asked in Yiddish if the children understood the lesson. The teacher explained what a consumer was and what it meant to consume, then asked a student to read the word consumer, which was written on the board. The student called on could not read the word, but another student did. The teacher corrected the students on their pronunciation as they read aloud, in English, from the text. At one point, the teacher provided an example of drinking or consuming orange juice from a glass to explain what it means to be a consumer.
- A sixth-grade social studies class, taught in English. The teacher conducted a lesson on the White House, using photocopies of a text called *The World Around Us*. The teacher read sections of the text aloud and described different offices in the White House. The teacher asked students to write down his definition of "Press Room," but not all students did so.
- A first-grade physical education class, taught in English, where the teacher led a class with 25 students in a newly constructed public park located next-door to the school. Students ran from one end of the park's blacktop space to the other.

4. Recommendation

Based on the evidence obtained during this inquiry, and for the reasons set forth herein, I recommend that you, as Commissioner, determine that Yeshiva Torah V'Yirah is not providing substantially equivalent instruction, as required by Education Law § 3204 and Commissioner's Regulation Part 130. The documentary materials supporting this recommendation will be transmitted to your office shortly after our submission of this letter.

צו מנדב זיין א גליון, פאר הערות, און צו באריכטן נייעס, רופט: 845-237-4779
צו באקומען דעם גליון אויף בליץ-פאסט שיקט א אימעיל צו: DOROISEINY@GMAIL.COM
אזוי אויך קען מען ערהאלטן אין אימעיל אלע דאקומענטן וועלכע ערשיינט וועכענטליך דורכן איינשרייבן ביים אימעיל